**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול און די קאקע-קאלע פירמע פייערן גראונדברעיקינג פון נייע fairlife® פראדוקציע פאסיליטי אין מאנראו קאונטי - די גרעסטע דעירי פראדוקציע פאסיליטי אין די נארטאיסט**

***650 מיליאן דאלער אינוועסטירונג צו שאפן אומגעפער 250 נייע דזשאבס אין די טאון אָוו וועבסטער***

***גאווערנאר האקול האט געמאכט א פערזענליכע פיטש פאר די פירמע אויסצואוועלן ניו יארק באזירט אויף די וועלט-בארימטע רעפוטאציע אלס אגריביזנעס גלאבאלע פירער***

***גאווערנאר מעלדט 20 מיליאן דאלער סטעיט שטיצע צו העלפן דעם טאון מיט נויטיגע אינפראסטרוקטור אפגרעידס פאר איר פארגעשריטענע וועיסטוואסער באהאנדלונג פלענט***

***אינוועסטירונג ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

גאווערנאר קעטי האוקאל און פארשטייער פון די קאקע קאלע פירמע און פעירלייף האבן היינט באצייכנט די גראונדברעיקינג אויף א נייע פעירלייף פראדוקציע פאסיליטי, א 650 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין די טאון אוו וועבסטער, מאנראו קאונטי. די 745,000 סקווער פוס פאסיליטי, וואס ווערט געבויט אויף טעבאר ראוד, וועט דינען אלס פעירלייף'ס פלעגשיפ נארטאיסט לאקאציע און איז ערווארטעט צו ווערן פונקציאנירבאר ביי Q4 פון 2025. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט שטעלט צו ביז 21 מיליאן דאלע אין הילף פאר די פעירלייף פראיעקט דורך די פערפארמענס-באזירטע עקסעלסיור דזשאבס שטייער קרעדיט פראגראם און די ניו יארק פאוער אויטאריטעט שטעלט צו כמעט 8.5 MW פון נידריג-קאסט ריטשאדרדש פאוער אין אויסטויש פאר דזשאב שאפונג פארפליכטונגען. די פירמע האט אויסגעוועלט ניו יארק נאכפאלגדיג א פערזענליכע פיטש פון גאווערנער האקול צוליב די אומשאצבארע הילף פון רעגירונג און קאמיוניטי פארטנערס און די סטעיט'ס וועלטס-בארימטע רעפוטאציע אלץ א גלאבאלע פירער אין אגריקולטורישע ביזנעס מיט א פאראלעלאזע מילכיגס אינדוסטריע. די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, די מאנראו קאונטי אינדאסטריעל דעוועלאפמענט אגענטור, די טאון אוו וועבסטער, ראטשעסטער גאז און עלעקטריק, און גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז זענען אויך געווען אינסטרומענטל אין ברענגען די פירמע קיין ניו יארק סטעיט.

"ניו יארק סטעיט איז איינע פון די בעסטע פלאץ אינעם לאנד צו בויען א ביזנעס. מיר זענען שטאלץ צו באגריסן די קאקע-קאלע פירמע און פעירלייף'ס דעירי פראדוקציע פאסיליטי, וואס פארטרעט א 650 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין מאנראו קאונטי," **האט גאווערנאר קעטי האוקאל געזאגט.** "קומענדיג פון א פאמיליע פון מילכיגס-פארמערס פון אירלאנד, איז דאס פערזענליך פאר מיר - און באלד, וועט עס זיין פערזענליך פאר די טויזנטער פינגער לעיקס איינוואוינער וואס וועלן האבן צוטריט צו דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן. איך בין געטריי צו מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין ניו

יארק'ס אגריביזנעסער צו פארזיכערן אונזער פלאץ אלס איינע פון די הויפט מילכיגס פראדוצירער אינעם לאנד, שאפן גוטע מעניופעקטשורינג דזשאבס, און פאראויס רוקן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע."

**קאקע-קאלע EVP און פרעזידענט נארט אמעריקע אפערעיטינג איינהייט דזשעניפער מאנן,** "ברעיקינג גראונד אויף די נייע פעירלייף פאסיליטי דא אין וועבסטער באצייכנט א וויכטיגע מיילשטיין פאר די קאקע-קאלע פירמע'ס אנוועזנהייט אין ניו יארק. די פאסיליטי וועט בויען אויף אונזער שטארקע לעגאסי פון עקאנאמישע אין די סטעיט, צולייגנדיג קאנקורירנדע דזשאבס און ווייטער שטארקן עקאנאמישע בליאונג פאר ניו יארקער."

**פעירלייף הויפט עקזעקיוטיוו אפיציר טים דאולמאן האט געזאגט,** "מיר זענען גליקליך צו לייגן דעם פונדאמענט פאר פעירלייף'ס נעקסטע פאזע פון וואוקס אזוי ווי מיר הויבן אן בויען די וועבסטער פאסיליטי, ערמעגליכנדיג גרעסערע פארטיילונג פון אונזערע פראדוקטן אין די נארטאיסט און דורכאויס דאס לאנד. מיר זענען דאנקבאר פאר די צוזאמענארבעט און שטיצע וואס מיר האבן באקומען פון די טאון און וועבסטער דורכאויס דעם פראצעדור און שעצן ווייטער אונזער בליענדע שותפות מיט די וועבסטער קאמיוניטי."

גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן אז ניו יארק סטעיט וועט צושטעלן 20 מיליאן דאלער דורך די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע פאסיליטיס קארפאראציע צו העלפן די טאון און וועבסטער אפגרעיד'ן איר אלטע וועיסטוואסער באהאנדלונג פלענט. דאס פינאנציעלע הילף איז קריטיש וויכטיג צו העלפן די טאון נאכקומען איר קריטישע וועיסטוואסער אינפראסטרוקטור געברויכן און שטיצן די טראנספארמירנדע עקאנאמישע אנטוויקלונגען פראיעקט. אפגרעידס ביים פלענט וועט העלפן פארמערן קאפאסיטי פאר וואקסנדע רעזידענשל און אינדאסטריעל בעיסעס און מאכן די פונקציעס ביים באהאנדלונג פלענט מער ענווייראנמענטאל סאסטעינעבל. די נייע אינוועסטירונג בויט אויף א 20 מיליאן דאלערדיגע FAST גרענט פאר מאנראו קאונטי, געמאלדן אין 2023 דורך גאווערנער האקול, פאר באנוץ ביי די טעבאר ראוד סייט אין וועבסטער, ערלויבנדיג די קאונטי צו אפגרעיד'ן די עקזיסטירנדע עלעקטרישע אינפראסטרוקטור און פארבעסערן די ראיאן'ס צוציאונג צו אגריביזנעס און אינדאסטריעל מאשינערי מאנופאקטשורינג סעקטארס.

געגרונדעט אין 2012 האט fairlife דעזיינט א רייע דעירי פראדוקטן וועלכע ווערן געמאכט דורך אן 'אולטרא-פילטרעישאן' מילך פראצעדור וואס נעמט ארויס די לאקטאָוז און אסאך פון די צוקער און לאזט איבער מער פון די פּראטוין און קאלציום. די פירמע האט ברייטע רייע פון פראדוקטן, אריינרעכענענדיג fairlife® אולטרא-פילטרירטע מילך, Core Power® פראטוין שעיקס און fairlife® Nutrition Plan®. The Coca-Cola Company איז געווען א סטראטעגישע שותף פון fairlife זינט זי איז געעפנט געווארן אין 2012 ביז די פירמע איז עמטליך אפגעקויפט געווארן דורך איר אין 2020.

די אייגנארטיגקייט פון fairlife® איז אז די אולטרא-פילטירונג פראצעדור גיבט פאר זייער מילך מער צייט בעפארן פארשימלט ווערן און עס שטעלט אהער א פראדוקט מיט וויניגער צוקער, מער פראטוין און מער קאלציום ווי געווענטליכע מילך וואס ווערט פארקויפט אויפן מארקעט. זיי זענען ערווארטעט צו נוצן א געשאצטע 5 מיליאן פונט פון לאקאל-געמעלקטע מילך יעדן טאג, מאכנדיג דאס די גרעסטע מילכיגס פלענט אין די צפון-מזרח און אוועקשטעלנדיג ניו יארק צו פארבלייבן א נאציאנאלע פירער אין מילכיגס פראדוצירונג.

גאווערנער האקול פארבלייבט אנטשלאסן צו אדרעסירן דעם געברויך פאר נאך אגריקולטור פראצעסירונג קאפאסיטי און שטיצן ניו יארק'ס כמעט 3,000 מילכיגס פארעמס. דער גאָווערנאָר האט לעצטנס געמאלדן 34 מיליאן דאלער אין גרענט פאר אן-פארעם מילך סטארעדזש טעכנאלאגיעס און פראצעסירונג אינפראסטרוקטור אלס טייל פון א קאנסעפטועל אפמאך אויף די פיסקל יאר 2025

בודזשעט. אלס טייל פון פיסקל יאר 2024 בודזשעט, האט דער גאָווערנאָר פארזיכערט א גרויסע העכערונג אין די אינוועסטירונג שטייער קרעדיט פון 4 פראצענט ביז 20 פאר פארעם ביזנעס. דער גאווערנאר האט אויך פארזיכערט א העכערונג אין די פארם ארבעטסקראפט אנהאלטונג שטייער קרעדיט צו $1,200 פער ארבעטער אלס טייל פון די פיסקל יאר 2023 בודזשעט און האט אוועקגעשטעלט א לאנד-פירנדע פערמענאנטע, ריפאנדעבל אווערטיים שטייער קרעדיט פאר אווערטיים שעות באצאלט פאר פארעם ארבעטער. אין צוגאב, האט דער גאָווערנאָר דירעקטירט דעם דעוועלאפמענט פון אן אינטעראגענטור טיעם מיט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון אַגריקולטור און מאַרקעטס אין 2023 וואס ארבעט צו פארלייכטערן לעכער אינעם סופליי קייט דורך ארבעטן מיט נייע און פארברייטערטע ביזנעסער צו פארמערן ווייטערדיגע אינוועסטירונג אין עסנווארג מעניופעקטשורינג אין די סטעיט.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "די מילכיגס אינדוסטריע איז א קריטישע טייל פון ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע, דעריבער זענען מיר איבערגליקליך וועגן ברעיקינג גראונד אויף פעירלייף'ס נייע מעניופעקטשורינג פאסיליטי, און באגריסן די עלטערן פירמע קאקע-קאלע'ס אנטשלאסנקייט צו בויען דזשאבס און געלעגנהייטן דא אין מאנראו קאונטי. פארברייטערן פראדוקציע אין ניו יארק וועט ערלויבן פעירלייף צו פולשטענדיג אויסנוצן אונזער סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע אגריביזנעס ריסאורסעס, אריינרעכענענדיג א פעאיגע, ערפארענע טאלאנט זאמלונג, וואס וועט האלטן די מילכיגס רייעס פול און פארמערן די פירמעס ווייטערדיגע ערפאלג."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "מיר קוקן שטענדיג אויף די ביזנעס דעוועלאפמענט לענדסקעיפ דורכאויס ניו יארק סטעיט צו טרעפן פלעצער וואו די פאווער אויטאריטעט'ס ביליגע פאווער קען מאכן די גרעסטע חילוק. די כמעט 8.5 מעגאוואט פון ריטשאדרדש NY פאווער וואס מען האט געשאנקען פאר פעירלייף וועט העלפן פארזיכערן הונדערטער דזשאבס ביים געטראנק פראדוצירער פאר לאנגע יארן אין מאנראו קאונטי."

**דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאָמישענער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "מיר זענען אזוי צופרידן צו אפיציעל באגריסן פעירלייף צו אונזער מילכיגס קאמיוניטי דא אין ניו יארק סטעיט. זייענדיג דער נומער איינס אגריקולטור סעקטאר, איז מילכיגס א קריטישע טייל פון די געוועב פון אונזער סטעיט און עס איז וואונדערבאר צו זען ערפינדערישע פירמעס אזוי ווי פעירלייף דאס אנערקענען און זיך אנשליסן אין אונזער אינוועסטירונג אין ניו יארק מילכיגס. פעירלייף'ס נייע וועבסטער לאקאציע וועט זיין אזוי מאכטפול פאר אונזערע אפסטעיט מילכיגס פארעמס אין די קומענדיגע יארן, מיט 250 דזשאבס געשאפן און א פארברייטערטע מארקעט פאר אונזער פרישע, נארהאפטיגע ניו יארקער מילכיגס. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און אונזער סטעיט און לאקאלע פארטנערס פאר זייער ארבעט ביים ברענגען דעם פראיעקט צו די ווירקליכקייט און קוקן ארויס צו הייבן א גלאז ניו יארק פעירלייף מילך אלס פייערונג!"

**ענווייראמענטאלע פאסיליטיס קארפאראציע פרעזידענט און CEO מאורין א. קאלמאן האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, זעצט ניו יארק פאר צו מאכן וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג א הויפט פריאריטעט אריבער ניו יארק סטעיט. די 20 מיליאן דאלערדיגע גרענט פאר די טאון אוו וועבסטער איז דער אונטערשייד צווישן א גוטע פלאן און פאקטישע שאוולען אין דער ערד אויף א פראיעקט וואס וועט העלפן די טאון נאכקומען איר קריטישע וועיסטוואסער אינפראסטרוקטור געברויכן און לייגן דעם יסוד פאר צוקונפטיגע וואוקס און דעוועלאפמענט."

**סטעיט סענאטאר סאמרא ברוק האט געזאגט,** "אלס א סטעיט פארטרעטער פון וועבסטער, קוק איך ארויס צו באגריסן פעירלייף צו די גרעיטער ראטשעסטער געגנט. פעירלייף'ס באשלוס צו בויען די פאסיליטי איז אונזער קאמיוניטי דערציילט וועגן די קוואליטעט פון ניו יארק'ס מילכיגס אינדוסטריע, ווי

אויך אונזער קרעפטיגע ארבעטסקראפט. איך פארבלייב אנטשלאסן צו שאפן א קאמיוניטי וואס איז סיי אפן צו נייע און וואקסנדע ביזנעסער און שטיצט לעבנס ווערדזש דזשאבס דורך אונזער לאקאלע ארבעטקראפט."

**אסעמבלי מיטגליד ברייען מאנקטעלאוו האט געזאגט**, "איך בין צופרידן צו באגריסן פעירלייף צו די 130'סטע אסעמבלי דיסטריקט און דאנק זיי פארן מאכן אונזער קאמיוניטי זייער נייע היים. זייענדיג אליין א פארמער, ווייס איך די ווירקונג וואס אוועקשטעלן די פאסיליטי וועט האבן אויף אונזער מילכיגס אינדוסטריע. נישט בלויז וועט עס שאפן הונדערטער נייע דזשאבס אין וועבסטער, נאר עס וועט אויך פארזיכערן אז די מילכיגס פארעמס דורכאויס אונזער ראיאן און די הונדערטער מענטשן וועמען זיי געבן ארבעט וועט דא ווייטער קענען וואקסן און שטייגן. היינט ווערט באצייכנט א נייע האפענונג פאר פאמיליע פארעמס דורכאויס אונזער ראיאן וואס וועט זיין קריטיש אין שטיצן פעירלייף און זיי געבן זייער 5 מיליאן פונט פון לאקאל-סאורס'ד מילך וועלכע וואלטן דא פראצעסירט געווארן יעדן טאג."

**מאנראו קאונטי עקזאקוטיוו אדאם בעלא האט געזאגט**, "מיר באגריסן שטאלצערהייט פעירלייף'ס נייע פאסיליטי - די גרעסטע מילכיגס פראצעסירונג פלענט אין די נארטאיסט - צו וועבסטער. בזייענדיג אויף אונזער רייכע העריטעדזש פון די מעל מילן פון די 19'טע יאר הונדערט צו די הויכע טעק אינדוסטריעס פון היינט צוטאגס, באצייכנט די פלענט א באדייטנדע שריט אין אונזער ווייטערדיגע רייזע פון עקאנאמישע ערפינדונג און סאסטעינעביליטי. פעירלייף'ס אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי ברענגט נישט בלויז נייע דזשאבס נאר אויך טוט ווידער שטארקן מאנראו קאונטי'ס ראלע אלס א פירער אין די מאדערנע עסנווארג און געטראנק אינדוסטריע. א דאנק אייך פעירלייף און עלטערן פירמע קאקע-קאלע פארן אנערקענען מאנראו קאונטי אלס די ריכטיגע לאקאציע פאר זייער פלעגשיפ נארטאיסט פאסיליטי. א דאנק אייך אויך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און גאווערנאר קעטי האוקאל פאר זייער שטאנדהאפטיגע אנטשלאסנקייט צו עקאנאמישע אנטוויקלונגען וואס ערמעגליכט נייע געלעגנהייטן פאר וואוקס און ערפאלג דורכאויס ניו יארק סטעיט."

**טאון אוו וועבסטער סופערוויזער טאם פלאהערטי האט געזאגט**, "די טאון אוו וועבסטער איז שטאלץ צו אפיציעל באגריסן די קאקע-קאלע פירמע און פעירלייף צו אונזער קאמיוניטי. די פאסיליטי פארטרעט אונזער געטריישאפט צו פארשריט, אינאיינעם מיט א שטארקע פארבינדונג צו וועבסטער'ס אגריקולטור ווארצלען. מיט א 650 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין אונזער געגנט און די שאפונג פון אן ערווארטעטע 250 לאקאלע דזשאבס, קוקן מיר ארויס צו צוזען די עקאנאמישע וואוקס וואס פעירלייף וועט ברענגען צו די געגנט און די באדייטנדע ווירקונג אויף אייננוואוינער און פאמיליעס אין די וועבסטער קאמיוניטי און ארום. אזוי ווי מיר גרייטן זיך צו פאר א פאסיליטי וואס איז אזוי גרויס, טוט די טאון אוו וועבסטער מאכן באדייטנדע אפדעיטס צו וועיסטוואסער באהאנדלונג אינפראסטרוקטור. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע פאסיליטיס קארפאראציע פאר זייער שותפות און שטיצע דורך די 20 מיליאן דאלער אין גרענט פאנדינג פאר דעם פראיעקט."

**CEO פון RG&E עלטערן פירמע אוואנגריד פעדרא אזאגרא האט געזאגט**, "שטיצן די אנטוויקלונג פון די קאמיוניטיס וועמען מיר דינען איז ווייטער א פריאריטעט פאר ראטשעסטער גאז און עלעקטריק און אוואנגריד. מיר זענען גליקליך זיך אנצושליסן מיט גאווערנער האקול, די קאקע-קאלע פירמע, פעירלייף און אונזערע פארטנערס אין די קאמיוניטי צו פייערן די גראונדברעיקינג פון די עקאנאמישע דרייווער און דזשאב שאפער פאר מאנראו קאונטי."

**גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאָמערס׳ פרעזידענט און CEO און פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל מיט-פארזיצער באב דאפי האט געזאגט**, "מיר זענען גליקליך אז גרעיטער ראטשעסטער איז געווארן אויסגעוועלט אין די העכסט-קאנקורירנדע פראצעדור צו ארייננעמען די פעירלייף פראדוקציע פאסיליטי. דער באשלוס ווייזט ווי שטארק זענען די ראיאן'ס

שטאַרקקייטן, אַריינרעכנענדיק אונזער סקילד אַרבעטסקראַפט, ערפינדערישע מילכיגס קאַמיוניטי, שטיצנדע ביזנעס ענווייראַנמענט, און געמיינזאַמע באַמיאונגען צו מייגן וואָס מאַכט מאַנראָו קאַונטי אַ פּערפעקטע דעסטינאַציע פאַר גרויסע אינוועסטירונגען. מיר שיקן אונזער טיפסטע דאַנק פאַר גאווערנער האָקול, סענאַטאָר שומער, און די קאָקע-קאָלע פירמע פאַר זייער צילן און פּאַרטנערשיפּ מיטן פאַרווירקליכן דעם פראַיעקט און קוקן אַרויס פאַר ווייטערדיגע קאָלאַבאָראַציע."

**פּרעזידענט און CEO גרעיטער ראָטשעסטער ענטערפּרייז מעטט הערבערט האָט געזאָגט,** "אַ ברייטע סופּליי פון הויכע קוואַליטעט מילך, העכסט פעאיגע אינדזשענירונג טאַלאַנט, און אַ באַגריסנדע קאַמיוניטי מיט אַ היסטאָריע פון פּראָדוקט ערפינדונג זענען אַפּאַר וויכטיגע זאַכן וואָס האָבן געהאָלפן די קאָקע-קאָלע פירמע אויסוועלן די גרעיטער ראָטשעסטער, NY ראַיאָן אַלס דער פּלאַץ פון פעירלייף'ס ערשטע נאָרטאָיסט U.S. פאַסיליטי. לאַנג נאָך די ערשטע מעלדונג, טוט גרעיטער ראָטשעסטער ענטערפּרייז ווייטער שטיצן פעירלייף, ערמעגליכנדיג פאַרבינדונגען צווישן די פירמע'ס פירער און הויפּט ראַיאָן סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, קאַמיוניטי און אַקאַדעמיע. די קאָלאַבאָראַטיווע באַמיאונגען צילן אויסצושטערקן דעם וועג פאַר אַן ערפאָלגרייכע לאָנטש און ווייטער שטאַרקן דעם פאַרבינדונג צווישן פעירלייף, די קאַמיוניטי און די גרעיטער ראָטשעסטער, NY ראַיאָן'ס בליענדע עסנווארג און געטראַנק מעניופעקטשורינג סעקטאָר."

צו לערנען מער איבער fairlife, באַזוכט: [https://fairlife.com/](https://fairlife.com/)

**פאַרשנעלערן 'פינגער לעיקס פאָראויס'**

די היינטיגע אָנאָנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאָראויס" (Finger Lakes Forward), די ראַיאָן'ס ברייטע סטראַטעגיע וויאַזוי צו אויפטרייבן שטאַרקע עקאָנאָמישע וואוקס און קאַמיוניטי אַנטוויקלונג. די ראַיאָניש-אויסגעשטעלטע פּלאַן קאָנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אַריינרעכנענדיג פאָטאָניקס, אַגריקולטור און עסנווארג פּראָדוקציע און אין פאַרגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפאָרמאַציע איז פאַרעפנטליכט [דאָ.]

**וועגן עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט**

עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יאָרק'ס הויפּט עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אַגענטור ([www.esd.ny.gov](https://www.esd.ny.gov)). די מיסיע פון ESD איז צו שטופּן פאַר אַן אויפגעלעבטע און וואַקסנדע עקאָנאָמיע, ערמוטיגן דאָס שאַפן נייע דזשאָבס און עקאָנאָמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאַר די סטעיט און אירע לאָקאַלע רעגירונגען, און עררייכן סטאַבילע און פאַרשידנאַרטיגע לאָקאַלע עקאָנאָמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אַנדערע סאָרטן פינאַנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פאַרמערן פּריוואַטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאָס שאַפן פון נייע דזשאָבס און שטיצן בליהענדע קאַמיוניטיס איבער גאַנץ ניו יאָרק סטעיט. ESD איז אויך די הויפּט אַדמיניסטראַטיווע אַגענטור וואָס טוהט איבערזעהן די ראַיאָנישע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג קאָונסילס און די מאַרקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האָב ליב ניו יאָרק) קאַמפּיין, די סטעיט'ס אייקאָנישע טוריזם ברענד. פאַר מער אינפאָרמאַציע איבער ראַיאָנישע קאָונסילס און איבער עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט, באַזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](https://www.regionalcouncils.ny.gov) און [www.esd.ny.gov](https://www.esd.ny.gov).

**איבער די NYS דעפּאַרטמענט פון אַגריקולטור און מאַרקעטס און די NYS מילכיגס אינדוסטריע**

די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון אַגריקולטור און מאַרקעטס שטיצט ניו יאָרק סטעיט אַגריקולטור און אירע פאַרשידנאַרטיגע פּראָדוקטן פון אַ הויכע קוואַליטעט, זי שטופּט פאַר אַגריקולטורישע ענווייראָמענטאַלע אחריות און היט אויף די סטעיט'ס עסנווארג סופּליי, לאַנד און באַשעפענישן צו פאַרזיכערן אַז ניו יאָרק'ס אַגריקולטור אינדוסטריעס קענען זיין ערפאָלגרייך און וואַקסן. ניו יאָרק'ס מילכיגס אינדוסטריע איז אַ קריטישע אינדוסטריע פון די סטעיט'ס עקאָנאָמיע, און אַלץ איר פירנדע אַגריקולטורישע פעלד איז מילכיגס פאַראַנטוואָרטליך פאַר אומגעפער האַלב פון ניו יאָרק'ס סך הכל

אגריקולטורישע איינקונפטן. ניו יארק סטעיט האט קרוב צו 3,000 מילכיגס פארמס וואס פראדוצירן איבער 15 ביליאן פונט פון מילך יעדע יאר, מאכנדיג ניו יארק פאר די לאנד'ס פיפט-גרעסטע מילכיגס סטעיט. ניו יארק'ס אייגנארטיגע און טאלאנטפולע מילכיגס פראדוצירער און פראצעסירער מאכן באדייטנדע ביישטייערונגען צו ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטריע, די עקאנאמיע און די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן